# די וועכנטליכע מאמר אין עבודת ה' און אויף ענינים העומדים על הפרק

## פון כ"ק מרן פוסק הדור

# ראב"ד ירושלים הגאון האדיר רבי משה שטערנבוך שליט"א

## פרשת עקב תשפ"ב

### די מצוות קלות

**"והיה עקב תשמעון"** (ז', י"ב).

אם מצות קלות שאדם דש בעקביו תשמעון. (רש"י)

**דער** באשעפער זאגט דא צו אסאך שכר און שמירת הברית והחסד פאר'ן היטן און מקיים זיין די גרינגע מצוות וואס א מענטש איז נישט מחשיב, זעהט מען פון דא ווי חשוב די מצוות זענען, ווייל אלע ברכות וואס שטייען דא אין די פרשה קומען נאר צוליב די מצוות קלות.

**ס'קען** זיין אז די טעם דערצו איז, לויט וואס דער 'רבינו יונה (שערי תשובה ש"א,ל"ח) איבער די גרויסע חיוב צו מקיים זיין די גרינגע מצוות, ווייל "אין להביט לקטנות העבירה אלא לגדולת מי שהזהיר עליה", דהיינו אז בנוגע די מרידה אין באשעפער איז נישט קיין חילוק צווישן א גרינגע מצווה און א הארבע, וויבאלדביידע איז די זעלבע גרויסע מרידה אין באשעפער.

**יעצט** פארשטייען מיר זייער גוט פארוואס די תורה איז אזוי מקפיד אויף די מצוות קלות און הענגט אן דערינען אלע ברכות, ווייל אויב א מענטש איז מזלזל אין די מצוות, ווייזט ער דערמיט אז ער איז נישט מקיים די מצוות וויבאלד ער איז משועבד צום באשעפער, נאר ער איז מקיים די הארבע מצוות ווייל ער שעצט עס זייער און אויף דעם ארויף קומט אים נישט קיין גרויסע שכר, נאר ווען ער איז מקבל אויף זיך עול מלכות שמים צו מקיים זיין אלע מצוות, און ער איז זיך משעבד צום באשעפער מיט אלע זיינע פעולות אז ער איז אויך מקיים די מצוות קלות שאדם דש בעקביו, דעמאלט'ס איז ער ראוי צו באקומען אסאך שכר פאר'ן זיין משועבד צום באשעפער.

**אין** מדרש דא אויפן פלאץ (תנחומא עקב א') שטייט, אז דוד המלך האט מורא געהאט פון די יום הדין, און ער האט געזאגט, רבונו של עולם, איך האב נישט מורא פון די הארבע מצוות וויבאלד ס'איז הארב, איך האב מורא פון די מצוות קלות אס אפשר האב איך עובר געווען אויף איינס וויבאלד ס'איז גרינג, און דו האסט געזאגט 'הוי זהיר במצוה קלה כבמצוה חמורה', פארדעם האט ער געזאגט "למה אירא בימי רעה עוון עקבי יסובני". זעה מיר פון די מדרש אז פון די הארבע עבירות געבט זיך א מענטש אכטונג, אבער ביי די גרינגערע עבירות איז אסאך מער מצוי מ'זאל נכשל ווערן אין דעם.

**הגה"צ** רבי ישראל סאלאנט'ער פלעגט מעורר זיין ביי זיינע שמועסן אין חודש אלול, אז מענטשן מיינען אז חודש אלול איז די עיקר עבודה תשובה צו טוהן אויף די הארבע עבירות, און זיי פארגעסן צו תשובה טוהן אויף די מצוות קלות שאדם דש בעקביו, ווייל אויך אויף דעם דארף מען אפגעבן א קלארן חשבון פאר'ן באשעפער, און מ'דארף תשובה טוהן אין חודש אלול אויך אויף דעם.

**און** די מכשול ביי די גרינגע עבירות איז נישט נאר די עצם זאך אז א מענטש ווערט מער נכשל אין דעם, נאר אויך אין די עצם תשובה, ווייל אויף הארבע עבירות טוהט א מענטש תשובה וויבאלד ער פארשטייט אז ער האט מורד געווען אין באשעפער, און זיין תשובה ווערט אויך אנגענומען וויבאלד ער איז זיך מכניע און ער פארשטייט אז ער האט תשובה געטוהן, אבער ביי די גרינגע עבירות איז א מענטש נישט אזוי געוואוינט תשובה צו טוהן, און אפי' טאמער אנערקענט ער יא אז ער האט געזינדיגט און ער טוהט תשובה, איז זייער מצוי אז ער איז זיך נישט אמת'דיג מכניע פאר'ן באשעפער, און פארשטייט נישט אינגאנצן די הארבקייט אז ער האט מורד געווען אינעם הייליגן באשעפער, און ס'פעלט אין די עיקר תשובה.

**איינער** וואס איז נישט נזהר אין די מצוות קלות איז די סוף אז ער איז מזלזל אויך אויף הארבע מצוות אזוי ווי ס'שטייט אין שערי תשובה (ש"א ל"ח), וויבאלד טאמער איז ער נישט מקפיד צו מקיים זיין די מצוות קלות איז ער מורד אין זיין חיוב צו מקיים זיין די ציווי ה', און ממילא אחז יר צושטייטליך פורץ גדר און ער איז מחליט אויף נאך הארבערע מצוות אז מ'דארף נישט אכטונג געבן אויף זיי, ביז ער איז אינגאנצן פורק עול, אזוי ווי חז"ל זאגן (שבת קה:) "היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו עבוד עבודה זרה".

**ביי** די אסיפה פון די גדולי הרבנים און ראשי ישיבות וואס פארגעקומען אין ליטא, האט דער 'חפץ חיים' זצ"ל פארגעשלאגן אז יעדער פון די פארזאמלטע רבנים זאלן אינטערשרייבן אז די איסור פון לשון הרע גייט זיין הארב ביי זיי אזוי ווי די איסור פון חזיר פלייש, אבער מרן הגר"ח חיים עוזר זצ"ל וואס איז געזעצן נעבן דעם חפץ חיים האט אים אויפגעמערקט אז אויב וועט מען צוגלייכן די איסור פון לשון הרע צו די איסור פון חזיר פלייש, וועט עס גורם זיין פונקט די פארקערטע, אז מ'וועט אנפאנגען מזלזל זיין אין די איסור פון חזיר אזוי ווי מ'איז מזלזל אין לשון הרע, און וועגן דעם טאקע האט מען זיך צום סוף צוריקגעהאלטן צו אינטערשרייבן אויף דעם.

**פארדעם** האבן די גדולי ישראל זייער מקפיד געווען זיך נישט אוועק צורירן אפי' פון א מנהג ישראל, ווייל טאמער מאכט מען א קליין שינוי אין א מנהג, ברענגט עס צו צו נאך שינויים ביז צום סוף וועט די גאנצע תורה ווערן נשתכח רח"ל.

**דער** הייליגער 'חפץ חיים' זצ"ל האט דערציילט אז די רעפארמער האבן נאר אנגעפאנגען מיט איין טענה איבער די נוסח התפילה, "פארוואס אונז זאגן צווי 'יקום פורקן', אונז האבן דאך שוין נישט היינט קיין 'ריש גלותא' און נישט קיין 'ודי בבבל' איז גענוג צו זאגן נאר איין יקום פורקן, אבער למעשה צוליב די קליין פירצה אין די גרינגסטע זאכן ממש, האבן זיי אנגעפאנגען צו מבטל זיין נאך חלקים פון די דאווענען, און זיי האבן צוגעלייגט נאך א פירצה און נאך א פירצה ביז ס'האט זיך פארשפרייט צווישן כלל ישראל די גאנצע השכלה און רפורמה און געוואלט אינגאנצן בטל מאכן שטיקער פון אידישקייט, און די אונגער'ישע גדולים האבן שוין פון אנפאנג געשמעקט אז זיי ווילן אינגאנצן משנה זיין די תורה, און זיי האבן מלחמה געהאלטן מיט זיי ביז ס'איז אנטפלעקט געווארן פאר יעדן זייער קלארע ציל, זעה מיר פון דעם אז מבטל זיין א קליין מנהג קען צוברענגען צו א שרעקליכע חורבן רח"ל.

**מרן** הג"ר חיים בריסק'ער זצ"ל שרייבט אין א בריוו (ס'איז געברענגט אין קובץ ישורון ח"ג עמ' תר"י) וועגן אפרעכטן א חופה אין א שוהל, אז ער שטעלט זיך נישט ארויס קעגן דעם נאא מצד ההלכה, נאר אויך ווייל ס'איז א שינוי אין א מנהג ישראל, און מ'טאר נישט משנה זיין פון א מנהג קיין פינטל, און ער ענדיגט צו זיין בריוו "וכבוד גאונו יטה למוסר אזנם ולהבינם כי מנהגי ישראל המה הגודרים מוסדות העם והפרצה בהם הוא רעה רבה". אזוי אויך זאגט מען אויפ'ן מהרי"ל דיסקין זי"ע (שולחן העזר סי' ז' סק"ו בשם המגיד הגה"צ ר' בן ציון יאדלער זצ"ל) אז מ'האט אים מכבד געווען אמאל מיט סידור קידושין, און ווען ער האט געזעהן אז מ'זינגט נישט די ניגון 'מי אדיר' האט ער נישט געוואלט מסדר קידושין זיין, וויבאלד מנהג ישראל תורה היא, און מ'טאר זיך נישט אוועקריקן דערפון קיין כל שהוא, ווייל די סוף וועט זיין שרעקליך ח"ו.

## די ראקעט'ס וואס איז געפלויגן אין די לעצטע צייט אין ארץ ישראל

**אין לויף פון די וועכנטליכע שמועס וואס מרן שליט"א האט איבערגעגעבן בביתו נאווה קודש צוליב די ימי בין הזמנים, האט ער זיך באצויגן צו די לעצטיגע מצב וואס איז פארגעגאנגען אין ארץ ישראל**

"**ס'איז** באוואוסט אז די ארץ ישראל'דיגע איינוואוינער זענען ארומגענומען פון אלע זייטן מיט אראבישע בלוט דארשטיגע לענדער, און שונאי ישראל וואס ווילן אונז יעדע רגע אויס'הרג'ענען, און עפ"י דרך הטבע קען נישט די אידישע ישוב האבן א קיום אינעם הייליגן לאנד, נאר ברוב רחמיו וחסדיו פונעם באשעפער היט ער אפ זיין פאלק און ראטעוועט זיי פון די שונאים, אבער ער איז מלביש די הנהגה אין די דרך הטבע, וויבאלד דא אין גלות ווערן אונז טאקע אפגעהיטן דורכ'ן באשעפער אבער נאר מתוך הסתר פנים.

**פאריגע** וואך האבן די שונאי ישראל געשאסן העכער טויזנט ראקעטן צו די איינוואוינער אין ארץ ישראל, און העכער פון צוויי הונדערט פון די ראקעטן איז צוריק אריינגעפאלן אין א אראבישע שטח און ס'האט זיי געברענגט אסאך אבידות, אבער פון די אידישע קינדער איז קיינער נישט באטראפן געווארן דערפון, און נישט נאר אז קיינער איז נישט גע'הרג'עט געווארן זענען אויך געווען אסאך פון די ראקעטן וואס זענען בדרך נס אראפגעפאלן אין פלעצער וואס האט נישט אנגעזייט קיין גרויסע שאדנ'ס. אונז דארפן זיך מתבונן זיין דערין, אין די פילע רחמי ה' און זיינע גרויסע חסדים וואס ער היט אפ אויף זיין פאלק אין ארץ ישראל.

**אויך** די אראבער'ס קענען נישט פארשטיין פארוואס אזויפיל פון די ראקעטן זענען אראפגעפאלן אין ליידיגע שטחים, און פארוואס א גרויסע חלק פון די ראקעטן האבן זיך אין א אופן מחוץ לדרך הטבע אוועקגערוקט פון זייער ציל און אריינגעפאלן ביי זיי, און דאס איז זיכער חסדים פון באשעפער וואס ער איז אונז מעורר דערמיט זיך צו מתבונן זיין און פארשטיין אז דאס קומט נישט פון מענטשליכע כוחות נאר פון אים אליינ'ס, פארדעם ליגט אויף אונז א חוב צו מקיים זיין דעם "וידעת היום והשבות אל לבבך", און זיך פארשטערקערן מיט אמונה אין די תקופה.

**בעוונותינו** הרבים בארימען זיך די ראשי השלטון מיט זייערע מיליטער און זייערע געווער, און זיי צייכענען זיך אן א זיג און פייערן זייער שטארקייט, און זאגן 'כוחי ועוצם ידי עשתה לי את החיל הזה', און דער רשע ב.ג. שר"י האט שוין געזאגט אז די ציל פון זייער מיליטער איז נישט אזוי ווי אנדערע מיליטערן איבער די וועלט וואס איז אוועקגעשטעלט נאר צו מלחמה האלטן מיט די פיינט, נאר זייער מיליטער איז א 'כור ההיתוך הישראלי' צו מחנך זיין די יונגע דור צו האבן א נאמנות צו די מדינה, און זיי מחנך זיין אז 'כוחי ועוצם ידי' און נאר מיט זייערע הענט און זייערע כוחות וועלן זיי קענען איינעמען און געוואונען, עפ"ל, און ביז היינטיגע טאג זענען זיי ממשיך מיט זייער וועג און זיי גרויסן זיך און שרייען 'כוחי ועוצם ידי עשתה לי את החיל הזה'.

**מ'דארף מעורר זיין אז אויב אונז וועלן זיך ח"ו פארלאזן אויף די כוחות פון די מדינה און אונז וועלן טראכטן אז זיי זענען בכח אונז צו העלפן און ראטעווען ח"ו, דעמאלט'ס וועט דער באשעפער חס ושלום זיך פירן מיט אונז אויף די וועג, און ער וועט אונז לאזן אין די הענט פון זייער מיליטער, און ער וועט אונז נישט היטן מיט א שמירה עליונה למעלה מדרך הטבע, און דאן וועט חלילה די מצב זיין זייער שרעקעדיג**, ווייל ע"פ דרך הטבע זענען אונז פארלוירענע וויבאלד אונז זענען מיר ווי א כבשה אחת בין שבעים זאבים, אזוי ווי ס'שטייט אין חובת הלבבות (ריש שער הביטחון) אז טאמער א מענטש פארזיכערט זיך אין די דרך הטבע, ווארפט אים דער באשעפער צו די הנהגת הטבע און ער היט נישט אויף אים מיט א שמירה עליונה, און נאר ווען אונז וועלן אנקומען צו א גענצליכע הכרה אז "אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים", און אונז וועלן אנערקענען מיט א קלארקייט אז די איינציגסטע וועג געראטעוועט ווערן פון זיי איז דורכ'ן מרבה זיין אין תורה מיט א שטארקע יגיעה און מתפלל זיין מעומק הלב און מתקן זיין אלע מעשים, אזוי ווי מרן הגרי"ז זצ"ל פלעגט זאגן אז די אמת'ע פראנט פון די מלחמה געפונט זיך אויבן אין הימל, און ווען אונז זענען מרבה דא מיט תורה און תפילה זענען אונז מכריע די מלחמה אויבן, און ממילא קומט ארויס פון דעם א הצלה דא אויף די וועלט.

**די** מפרשים זענען מסביר די פסוק אין תהילים "מאין יבוא עזרי", אז נאר ווען אונז וועלן איינערקענען אז 'מאין' און ס'איז נישט פארהאן קיין שום דרך הטבע צו דערגרייכן די ישועה, דעמאלט'ס 'תבוא עזרי', און פארקערט אויב וועלן אונז זיך פארלאזן אויף זייערע פאלשע כוחות דאן וועט דער באשעפער אונז ווייזן קלאר אז באמת איז זייערע כוחות גארנישט ווערד און ס'קען אונז נישט העלפן. און דער באשעפער זאל העלפן אז אונז זאלן זוכה זיין זיך צו דערווייטערן פון די כפירה'דיגע מחשבות פון 'כוחי ועוצם ידי', און דינען דעם באשעפער מיט די גאנצע הארץ, און דורך דעם וועלן אונז זוכה זיין בקרוב צו די ישועת ה' מיט ביאת משיח צדקנו במהרה בימינו".

## א בן תורה אין די ימי בין הזמנים

**ארויסגענומען פון די שטארקע ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן דורך מרן שליט"א ביי די כינוס דורך 'איגוד בני הישיבות' אין שטאט בית שמש פאר די הונדערטער ליטווישע בחורים לרגל די ימי בין הזמנים**

"**אונז** געפונען זיך יעצט אין א תקופה וואס ווערט גערופן "בין הזמנים", ס'איז באוואוסט וואס דער שלה"ק שרייבט (מס' שבועות פרק נר מצוה) "יהיה נעקר ונשרש מן העולם השם של 'בין הזמנים', לא יזכר ולא יפקד, רק כל העתים שוים לטובה, יתנהגו במנהג אחד לתורה, כמו שכתוב והגית בו יומם ולילה".

**אבער** אונז קענען נישט אויסרייסן די מנהג וואס איז איינגעפירט געווארן אין די ישיבות ארויסצוגיין אויף 'בין הזמנים', אבער מ'טאר נישט עכ"פ אנקוקן די טעג ווי א הפסקה פון לימוד התורה, נאר ס'איז א 'הכנה' פאר די אלול זמן הבעל"ט, ווייל אונז זענען משועבד פאר'ן באשעפער יומם ולילה און ס'איז נישט דא קיין מינוט וואס אונז זענען פטור פון מצוות לימוד התורה, אזוי ווי די גמרא זאגט (מנחות צ"ט:) "צא ובדוק שעה שאינה לא מן היום ולא מן הלילה ולמוד בה חכמה יוונית".

**יעדער** איינער דארף זיך קובע זיין צייטן און קלארע שעות וואס דעמאלט'ס לערנט ער יעדן טאג, און ער זאל זיך נישט אוועקרוקן פון די זמנים בשום פנים ואופן. און גלייך ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך דאס, איז ער זוכה צו א ברכה פון באשעפער אזוי ווי ער האט עס שוין מקיים געווען, ווייל ס'שטייט אין פסוק (דברים ט"ו י') "כי בגלל הדבר הזה יברכך ה' אלוקיך", און רש"י איז מסביר "אפילו אמרת ליתן, אתה נוטל שכר האמירה עם שכר המעשה".

**בעוונותינו** הרבים זענען דא אזעלכע וואס אנפאנג טאג קערן זיי זיך צו אנדערע זאכן, און זיי קוקן אין די צייטונגען וכדו', און נאר נאך וואס זיי האבן געענדיגט צו פארבלענדן זייער צייט זעצן זיי זיך לערנען אין די צייט וואס איז פארבליבן, אבער די ריכטיגע וועג איז פארקערט, אז די תורה דארף זיין א 'קבע' און די אנדערע ענינים א 'עראי', און די ערשטע זאך אין טאג דארף מען זיך זעצן לערנען און אויסנוצן די צייט אויף לימוד התורה, און נאר נאכדעם קען מען אוועקגעבן צייט פאר אנדערע ענינים.

**און** די עיקר שכר אויף לימוד התורה איז נאר ווען ער מאכט זיין תורה פאר א 'קבע', וואס דעמאלט'ס ווייזט ער ווי חשוב די תורה איז אין זיינע אויגן, אבער טאמער שטופט ער אוועק די תורה נאך אלע זיינע עסקים, און נאר נאכ'ן ענדיגן זיך באשעפטיגן מיט זיינע ענינים און ס'בלייבט אים צייט זעצט ער זיך לערנען, דאן באקומט ער נישט קיין סאך שכר אויף דעם וויבאלד ער האט אויפגעוויזן אז ער שעצט נישט אזוי שטארק די תורה, קומט אים נישט קיין גרויסע שכר אויף א זאך וואס ער אליינ'ס איז נישט מעריך.

**אויך** דארף מען זייער אכטונג געבן אין די טעג פון חילול השם, ווייל עס זענען פארהאנען בחורים וואס שטייען אויף שפעט צום דאווענען און כיפערן אפ די דאווענען ווי כאילו ס'איז נישט דא קיין געהעריגע חיוב תפילה אין די ימי בין הזמנים. אדער פירן זיי זיך נישט אויף אין גאס ווי עס פאסט זיך פאר בני תורה, וואס מיט דעם זענען זיי מחלל שם שמים און ס'איז נישט דא אויף דעם קיין כפרה ביז'ן שטארבן, דארף מען זייער אכטונג געבן אויף דעם. אזוי אויך דארף מען זיין נזהר נישט ארויסצוגיין צו פריצות'דיגע פלעצער, וואס צומאל מיט'ן ארויסגיין איינמאל צו אזא פלאץ קען מען ח"ו פארלירן זייער אסאך ברוחניות, און יעדער איינער דארף זיך מקבל זיין אויף זיך א 'עול תורה', און נישט ח"ו פורק עול זיין אין די טעג.

**דער** באשעפער זאל העלפן אונז זאלן זוכה זיין אים צו דינען בלבב שלם, און אים פארשאפן א נחת רוח, און אזוי וועט מען שוין אינגיכן זוכה זיין צו די גאולה מיט ביאת משיח צדקנו בקרוב אכי"ר.

צו באקומען וועכנטליך די גליון שיקט א אימעיל צו:
7110992@gmail.com

צו האבן א זכות אין פארשפרייטן די הייליגע ספרים און גליונות אזוי האוכט -
צו אריינשיקן פאר די מערכת הערות והארות וועגן די גליון און וועגן די ספרים
שיקט א אימעיל צו gilyonhuraved@gmail.com
די נאמבער פאר נדבות און הנצחות איז: 17166234717